## זיי הערן, ווי עס שרײַט...

און אַ מאָל ליגן קראַנקע פֿאַרנורעט און הערן :
ס'האָט זיך אַ חולה צעקריגט הײַנט מיט גאָט.
זינקען זיי טיפֿער אין גרוב פֿון מאַטראַץ,
פֿאַרקלעפּן נאָך פֿעסטער צעאײטערטע ברעמען,

און ליגן פֿאַרדעקטע אין גאַנצן מיט שאָטנס,
ציטערן געבן אַ ריר מיט אַ קנאָכן.
נאָר טריט בײַ טריט שפּרײַזן, טשאַטעווען ווערטער,
דערנענטערן זיך, כאַפּן ווי צוואַנגען און קלעמען.

וועקט זיך דאָס פֿלייש פֿון ווינטערנעם גליווער,
ווערט וואַרעם, ווי פֿײַער, און ליכטיק דאָס בלוט : —
יאָגן זיך ערטער — געשטאַלטן — חלומות
אַש גראָע מיט בליקן, צעפֿלאַמט, ווי אַ סטאַדע

וועלף ; און זיי אַלע שטשירען די ציינער,
און טאָשטשען אין פּיסקעס פֿאַרצוקטע שטיק ווענס.
קוקן די קראַנקע דורך ווײַסלען פֿאַרמאַכטע,
טראַכטן : נו, יאָ... ווי דען זשע, אַוודאי...

און האָרכן דורך נעפּל, ווי ס'שיט פּעך און שוועבל
דאָרט איינער אין ווינקל אַרויף צום באַשעפֿער.
פֿאַרקוועטשט זיך דער פּחד, ווי שטאָל אויף די בוזעמס — :
„וועמען פּרובירסטו, בן–תּמותה, צו שעלטן ?“

זיי וויקלען דאָס אויער מיט שטינקענדן שטרוי.
קריכן אין קאָלדרעס אַרײַן ווי אין זעק.
ווילן נישט הערן און... הערן, ווי עס שרײַט
זיי אין קאָפּ יעדע האָר און רײַסט אַלע וועלטן.

---

**1935**